*ב"ה*

# דבר תורה

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת שמות

אויף דער פסוק פון אונדזער סדרה, וואס מיט אים הויבט זיך אן דער חומש "שמות: "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה" שטייט אין מדרש "על שם גאולת ישראל נזכרו כאן". און דער מדרש ערקלערט ווי יעדער נאמען פון די "בני ישראל" (די י"ב שבטים) איז פארבונדן מיט דער גאולה.

*די הוראה פאר אונזער דור*:

וואס נוסף צו דעם וואס ס'איז שוין "כלו כל הקיצין", האבן אידן שוין תשובה געטאן, און מ'האט שוין אלץ פארענדיקט, כולל אויך - "צופוצן די קנעפלעך", און מ'דארף נאר האבן אז דער אויבערשטער זאל אויפעפענען די אויגן פון אידן זיי זאלן זען ווי ס'איז שוין דא די גאולה האמיתית והשלימה, און מ'זיצט שוין בא דעם שולחן ערוך, בסעודת לויתן ושור הבר וכו' וכו'.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז אויב שוין בא דער ירידה אין מצרים טויזנטער יארן צוריק איז אין "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה" געשטאנען בגלוי "גאולת ישראל".

איז *במכל-שכן וקל וחומר* בדורנו זה ובזמננו זה, נאך דעם וואס מ'האט שוין דעם ריבוי פון מעשינו ועבודתינו במשך כל הדורות, - כולל דער רמב"ם, וואס זיין יום הילולא קומט אויס אלעמאל בסמיכות צו פרשת שמות (ובשנה זו קומט עס אויס ערב שבת פ' שמות) זעט מען בגלוי ווי זייענדיק אין א מצב פון "הבאים מצרימה" האט ער דארט אויפגעטאן דעם ענין פון גאולה דורך זיין שרייבן דעם ספר "משנה תורה" ווען ער איז געווען אין מצרים. - ביז די עבודה פון רבותינו נשיאינו וועלכע זיינען מיוחסים לבית דוד משבט יהודה.

*ובנוגע לפועל מיינט עס*: אז די עבודה פון אידן איצטער דארף זיין "להביא לימות המשיח", צו שוין גלייך מגלה זיין בפועל ווי דער מצב פון "הבאים מצרימה" אין גלות איז באמת א מצב פון "גאולת ישראל", דורך דעם וואס מ'גרייט זיך אליין און מ'גרייט צו אנדערע צו דער מצב פון "ימות המשיח".

כולל ובמיוחד - בקשר מיט דעם יום ההילולא פון דעם רמב"ם - דורך מחזק זיין (בא זיך און משפיע זיין אויך אויף אנדערע) און מוסיף זיין אין לימוד ספר משנה תורה להרמב"ם, ג' פרקים ליום, אדער פרק א' ליום, אדער אין ספר המצוות, ובפרט - אין ספר הרמב"ם עצמו - הלכות מלך המשיח.

ויהי רצון, אז דורך דער עצם החלטה בדבר, זאל מען תיכף ומיד באקומען דעם שכר, דעם קיום בפועל פון דברי הרמב"ם בסיום ספרו, אז לאחרי וואס מ'האט שוין דעם "מלך מבית דוד הוגה בתורה ועוסק במצות כדוד אביו, ויכוף כל ישראל לילך בה ולחזק בדקה וילחם

מלחמת ה" - וואס ער איז "בחזקת שהוא משיח" - זאל ער שוין גלייך ווערן "משיח בודאי" דורך דעם וואס "עשה והצליח ובנה מקדש במקומו וקבץ נדחי ישראל... ויתקן את העולם כולו לעבוד את ה' ביחד כו", ביז - בסיום הרמב"ם - "מלאה הארץ דיעה את ה' כמים לים מכסים".

(משיחת ש"פ שמות, תשנ"ב - *מוגה*)

*

*על ידי חיזוק ההתקשרות בלימוד תורתו וקיום הוראותיו*
*נזכה תיכף "זעהן זיך מיט'ן רבי'ן" בעיני בשר*
*והרבי יוליכנו אל הגאולה*

יוצא-לאור ע"י:
כיתה ג (ד) של
*מוסד חינוך "אהלי תורה - אהלי מנחם"*
667 איסטערן פארקוויי
כאן צוה ה' את הברכה
ברוקלין, ניו יארק
E-Mail: Editor of Dvar Torah
עורך: הרב דוד שי' הערצל

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד**

Back to "Dvar Torah"